זעלבע טובה וואלט געקענט טאן אן אנדערער, לכאורה, וואס איז ניט בדרגת צדיק — און דוקא די עבודה איז גע־ווען די התחלה פון זייער התעסקות עם

בנ"י. ווייל דוקא אין דעם גיט זיך ארויס זייער עצמיות[81].

(משיחת ש"פ וארא תשל"ב)

---

81) להעיר ג"כ ממה שכתב אדה"ז קרוב להסתלקותו (אגה"ק ס"כ (איהו וחיוהי), נפש השפלה) — אריכות במעלת העשי' וגשמית (ראה בארוכה לקו"ש חט"ז שיחה לכ"ד טבת).



# בא

א. אויפן פסוקי „כה אמר ה' כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים", ברענגט רש"י צוויי פירושים אין „כחצות הלילה":

א) „פשוטו לישבו על אופניו" איז, אז דער טייטש פון „כחצות הלילה" איז „כהחלק הלילה" — ווען די נאכט צע־טיילט זיך, וואס לויט דעם פירוש איז „אין חצות שם דבר של חצי" — האלבע נאכט, נאר ס'איז א פעולה[2] (און רש"י ברענגט דערויף כמה דוגמאות).

ב) „ורבותינו דרשו[3] כמו כבחצות[4] הלילה, ואמרו שאמר משה כחצות דמשמע סמוך לו . . שמא יטעו אצטג־ניני פרעה ויאמרו משה בדאי הוא": „חצות" איז דא דער „שם דבר של חצי" — האלבע נאכט, און דאס וואס משה האט געזאגט „כחצות" — „סמוך לו", און ניט „בחצות" (בדיוק) — איז ווייל ער האט חושש געווען „שמא יטעו כו' ויאמרו משה בדאי הוא". און דערנאך איז רש"י מסיים (לויט כמה גירסאות[5]) „אבל הקב"ה יודע עתיו ורגעיו אמר בחצות".

לערנט דער מזרחי (און נאך מפר־שים), אז די שוועריקייט אין פסוק, וואס רש"י קומט פארענטפערן מיט די צוויי פירושים, איז — ע"ד ווי די קשיא אין גמרא[6] — „מי איכא ספיקא קמי' שמיא":

אויב מען זאל זאגן אז „חצות" איז „שם דבר של חצי", דארף אויסקומען אז דער כ"ף פון „כחצות" איז א „כ"ף השיעור" [ווי די דוגמאות וועלכע ער ברענגט: כעשרת הימים[7], כאיפה שעורים[8]], דאס הייסט, אומגעפער, בערך, ארום דער צייט פון חצות. הייסט עס דאך, אז „הדבר מסופק"[9] (מען ווייס ניט דעם גענויעם זמן ווען דאס וועט פארקומען) — און אזוי קען מען דאך ניט זאגן כלפי מעלה[10].

אויף דעם ברענגט רש"י צוויי פי־רושים: א) „כחצות הלילה" מיינט „כהחלק הלילה" [וואס ביי א פעולה באַ־דייט דער „כ"ף" — „כאשר": „כחצות הלילה" — „כאשר יחלק הלילה"[11], פונקט אין האלבער נאכט], קומט אויס, אז ס'איז אין דעם ניט געווען קיין ספק. ב) „כחצות" מיינט טאקע „כמו כבחצות הלילה . . דמשמע סמוך לו", און משה האט אזוי געזאגט „שמא יטעו כו'", אבער דער אויבערשטער האט טאקע געזאגט „בחצות" — דעם גענויעם זמן.

---

1) פרשתנו יא, ד.

2) ראה ראב"ע וגו"א כאן (באר הגולה באר השלישי סמוך לסופו). רא"ם, דקדוקי רש"י (ועוד) כאן.

3) ברכות ג, ב ואילך.

4) כ"ה בדפוסים שלפנינו, אבל בדפוס ראשון ושני ובכמה כת"י רש"י שתח"י — „בחצי", והוא לשון הכתוב לקמן יב, כט (וראה לקמן סעיף ב).

5) כ"ה בדפוס שני ועוד (אבל בדפוס ראשון ובכמה כת"י רש"י שתח"י ליתא). וראה ברכות ותוד"ה ואתא שם. — הל' „יודע עתיו ורגעיו" נמצא בפסיקתא דר"כ פ' ויהי בחצי הלילה. וראה גם מכילתא על הפסוק ויהי בחצי הלילה. פסי"ר פ' ויהי בחצי הלילה. יל"ש פרשתנו רמז קפו. ועוד. וראה לקמן הערה 52.

6) ברכות שם.

7) שמואל א כה, לח.

8) רות ב, יז.

9) לשון הרא"ם כאן.

10) ועד"ז אין לומר ע"ד הפשט שהכ"ף הוא כ' הדמיון (כדעת רב אשי בברכות שם), כמ"ש הרא"ם שם.

11) ראה גם רשב"ם כאן.

ב. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין:

וואָס איז דער הכרח צו זאָגן, אַז ווען דער כ"ף פון „כחצות" איז אַ כ"ף השיעור איז „יחוייב שיהי' הדבר מסופק"[9]? — מען קען דאָך אננעמען, אַז ער זאָגט „כחצות" (כ' השיעור) ניט צוליב אַ ספק בדבר, נאָר ווייל דאָס וועט טאַקע פאַרקומען „סמוך לחצות"[12]?

ובפרט, ווי דער לבוש פרעגט: אפילו ווען אַ בן־אדם זאָגט בלשון כ' השיעור, מיינט עס ניט דוקא אַז ס'איז ביי אים אַ „דבר מסופק": עס איז נאָר וואָס „לא חש" צו זאָגן דעם גענויעם סכום (מיט מספרים פרטיים, און זאָגט דערפאַר סמוך צו אַ מספר כללי מסוים).

דער טעם בפשטות פאַרוואָס מ'קען אַזוי ניט זאָגן איז[13], ווייל עס שטייט ווייטער אין פסוק[14] „ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור גו'" — אַז מכת בכורות איז געווען גענוי „בחצי הלילה", און ניט „סמוך לחצות".

עס איז אָבער ניט מסתבר צו זאָגן אַז דאָס איז דער הכרח פון רש"י דאָ — וואָרום אויב די גאַנצע הוכחה פון רש"י איז פון שפּעטערדיקן פסוק „ויהי בחצי הלילה", וואָלט רש"י געדאַרפט אַראָפּ־ברענגען דעם פסוק בפירושו דאָ

[ווי גערעדט כמה פעמים, אַז רש"י (בפירושו על התורה) פאַרלאָזט זיך ניט אויף אַ פסוק וואָס דער בן־חמש האָט נאָך ניט געלערנט];

ובפרט אַז פריער אויפן פסוק (אין פ' לך[15]) „ויחלק עליהם לילה", ברענגט רש"י אַראָפּ (פון מדרש אגדה[16]) „שנחלק הלילה . . וחציו השני נשמר . . לחצות לילה של מצרים", דהיינו, אַז דער „חצות לילה של מצרים" איז ניט פאַר־בונדן דוקא מיטן רגע פון חצות לילה, נאָר מיט'ן „חציו השני" אין אַלגעמיין[17]:

האָט דאָך רש"י זיכער געדאַרפט אַראָפּברענגען דאָ דעם פסוק „ויהי בחצי הלילה גו'".

וויבאַלד אַז רש"י ברענגט ניט דעם פסוק, און שרייבט (אויפן ערשטן פירוש) „זהו פשוטו לישבו על אופניו" — איז משמע, אַז „פשוטו" פון דעם פסוק (מצד עצמו) איז מכריח צו טייטשן „כהחלק הלילה".

ג. אויך דאַרף מען פאַרשטיין:

א) מיט וואָס איז דער ערשטער פירוש פון רש"י מער „פשוטו" ווי דער צוויי־טער פירוש (וועלכן רש"י רופט אָן „דרש")?

מען קען ניט זאָגן, אַז לפי פשוטו איז „אין חצות שם דבר של חצי" [און ווי מען וואָלט לכאורה געקענט איינ־טייטשן דעם לשון רש"י „זהו פשוטו לישבו על אופניו שאין חצות שם דבר של חצי", אַז „אין חצות שם דבר של חצי" איז אַ נתינת טעם אויף „זהו פשוטו"] — ווייל דער וואָרט „חצות" שטייט צוויי מאָל אין מקרא[18], און אין

12) להעיר מלשון הכתוב (וירא יט, טו) „וכמו השחר עלה".

13) ראה גם בחיי כאן. ועוד.

14) פרשתנו יב, כט.

15) יד, טו.

16) תיב"ע שם. ב"ר פמ"ג, ג. ועוד.

17) ולהעיר, שהראב"ע כאן פירש שזהו „כחצות הלילה", בחציו השני, וכן מפרש מ"ש לקמן „בחצי הלילה". ובזהר פרשתנו לז, ב (ופי' עץ הדעת טוב כאן) שזהו ההפרש בין „כחצות" (שפירושו „כמפלג") ל„בחצי" (שפירושו „בפלגות בתראה"). וראה ש"ך על התורה כאן, שהיציאה („אני יוצא") היתה „כחצות" והמכה („וה' הכה") „בחצי הלילה".

18) תהלים קיט, סב. איוב לד, כ. וראה חדא"ג מהרש"א ברכות שם.

ולהעיר גם מלשון רש"י לך שם — „לחצות לילה



ביידע ערטער איז „חצות שם דבר של חצי"[19]

[און מען מוז לערנען, אַז מיטן לשון „זהו פשוטו . . שאין חצות שם דבר של חצי" מיינט רש"י: כדי „לישבו על אופניו" לויט פשוטו, דאַרף מען (מחדש זיין און) זאָגן „שאין חצות (בנדו"ד[20]) שם דבר של חצי"].

היינט וויבאַלד אַז דאָרט וואו עס שטייט „חצות" איז עס אַ „שם דבר של חצי" — פאַרוואָס זאָל מען זאָגן, אַז דער „פשוטו" פון „כחצות" דאָ איז (ניט אַ שם דבר של חצי, נאָר) „כהחלק הלילה" (וואָס אין לו עד במקרא), און דער פירוש אַז דאָס מיינט „סמוך לחצות" איז נאָר אַן ענין של „דרש"[21]?

[און אע"פ אַז לפי זה דאַרף מען זאָגן, אַז משה האָט געזאָגט „כחצות" כדי צו באַוואָרענען „שמא יטעו כו'" — איז דאָס אָבער, לכאורה, אַן ענין (וחשש) וואָס האָט אַן אָרט אויך לויט דרך הפשט[22]].

ב) וואָס מיינט רש"י (אין צווייטן פירוש) „שמא יטעו כו' ויאמרו משה בדאי הוא" — פאַרוואָס זאָל משה אָנ־נעמען דעם חשש פון שמא מיט אַזאַ זיכערקייט (ובמילא ווען אַלע בכורות וועלן בבת אחת שטאַרבן (לויטן חשבון פון אצטגניני פרעה) „סמוך לחצות" און ניט גענוי אין דעם רגע פון חצות, וועט מען זאָגן אַז „משה בדאי הוא"[23]) ביז צו משנה זיין לשון השם בחצות און זאָגן כחצות?!

ג) אין דעם סיום פון פירוש רש"י — „אבל הקב"ה יודע עתיו ורגעיו[24] אמר בחצות" — איז ניט מובן:

ווי גערעדט כמה פעמים, איז אפילו ווען רש"י ברענגט מדרשי חז"ל, איז ער נאָר מעתיק די ענינים וואָס זיינען מיישב דברי המקרא און האָבן אַן אָרט ע"ד הפשט — דאַרף מען פאַרשטיין בנדו"ד: אע"פ אַז דער ענין איז גע־נומען געוואָרן פון „רבותינו"[25] — וואָס איז אָבער דער הכרח ע"ד הפשט צו זאָגן אַז „הקב"ה . . אמר בחצות", וואָס לפי זה דאַרף מען זאָגן אַז משה האָט משנה געווען מדיבורו של הקב"ה (ווי מפרשים זיינען אין דעם מאריך) — מען קען דאָך לערנען, אַז אויך דער אויבער־שטער האָט געזאָגט משה'ן (צו אָנזאָגן פרעה'ן) „כחצות", מצד דעם זעלבן טעם גופא: „שמא יטעו כו'"[26]?

ד) פאַרוואָס איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך דעם וואָרט „הלילה" — לכ־אורה, זיינען ביידע פירושים נאָר בנוגע דעם וואָרט „כחצות" („כהחלק" אָדער „כמו כבחצות")?

של מצרים", המורה ג"כ ש„חצות" הוא „שם דבר של חצי". אלא שאפשר לחלק בין לשון מקרא ללשון רש"י.

19) ולהעיר, שבאיוב שם פירש"י דקאי על חצות לילה דמצרים.

20) להעיר (יתירה מזו) מפירוש הרא"ם בפרשתנו (יא, ב) במ"ש רש"י „אין נא אלא לשון בקשה", דהיינו „אין נא האמור פה אלא כו'", והביא כמה ראיות לדבריו.

21) כקושיית הלבוש.

22) וע"ד מ"ש רש"י לקמן (פסוק ח) שחלק משה כבוד למלכות, ומשום זה הי' דיבורו באופן המתאים. וראה דברי דוד (ועוד) כאן, שמשה שינה מדברי הקב"ה ע"ד מה ששינה הכתוב מפני השלום (פרש"י וירא יח, יג).

23) ראה בחיי כאן. שפ"ח כאן. ועוד. ולהעיר מנתיבות עולם (למהר"ל) נתיב האמת פ"ב.

24) ראה ג"כ פרש"י בראשית ב, ב. וראה לקמן סעיף ח.

25) נסמן לעיל הערה 5.

26) בלבוש פירש כן לפי האמת (אלא שרז"ל וגם רש"י ז"ל אחריהם כינו הדברים כלפי משה). וכפי הנראה לא היו תיבות אלה לפניו (ראה לעיל הערה 5). וראה צידה לדרך כאן.

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הדיוק אין לשון רש״י — „זהו פשוטו לישבו על אופניו״, דלכאורה איז דאָס אַ יתור לשון; רש״י האָט געדאַרפט זאָגן כלשונו בכ״מ בפירושו „זהו פשוטו, ורבותינו דרשו כו׳״.

נאָר דערמיט דייטעט רש״י אָן, אַז די שוועריקייט אין די ווערטער „כחצות הלילה״ (וועלכע ער איז מעתיק) איז (ניט מצד דעם פירוש פון וואָרט „כחצות״, און אפילו ניט צוליבן טעם וואָס עס לאָזט זיך אַזוי ניט טייטשן כלפי מעלה, נאָר) מצד דעם תוכן הענין שבהמקרא: דער „פשוטו״ דאַרף זיין אַזאַ פירוש וואָס זאָל מיישב זיין דעם מקרא „על אופניו״ — אַז די ווערטער „כחצות הלילה״ זאָלן אַריינפּאַסן אין כללות תוכן הענין שבהמקרא.

דער ביאור אין דעם:

לערנענדיק דעם פסוק „כה אמר ה׳ כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים״ שטעלט זיך גלייך אַ שאלה פשוטה: למאי נפק״מ צו אָנזאָגן אַז דאָס („אני יוצא״) וועט פאַרקומען „כחצות הלילה״?

מען קען ניט זאָגן, אַז דערמיט האָט דער אויבערשטער (סתם) געוואָלט מודיע זיין פרעה׳ן דעם זמן פון דער מכה — ווייל ביי רוב המכות האָט דער אויבערשטער ניט באַשטימט דעם גענויעם זמן ווען די מכה וועט פאַרקומען —

אפילו ביי „דבר״, „ברד״ און „ארבה״[27] — איז ביי „דבר״[28] און „ארבה״[29] האָט דער אויבערשטער קובע געווען דעם טאָג „מחר״ און ניט די שעה אין טאָג[30]; און ביי „ברד״ (וואו דער אויבערשטער האָט געזאָגט „כעת מחר״[31], וכפירוש רש״י: „כעת הזאת למחר, שרט לו שריטה בכותל כו׳״) — איז דאָ אַ טעם מיוחד פאַרוואָס דאָס איז געווען נויטיק[32] — בכדי צו באַוואָרענען אַז דער „ירא את דבר ה׳״[33] זאָל וויסן דעם זמן כדי צו קענען ראַטעווען „עבדיו״ און „מקנהו״ פון דער מכה — משא״כ בנדו״ד.

[ולהוסיף — בנדו״ד האָט דער אויבערשטער ניט געזאָגט וועלכן טאָג די מכה וועט זיין, נאָר בלויז אַז ס׳וועט פאַרקומען „כחצות הלילה״ — קען דאָך פרעה סיי ווי ניט וויסן מיט אַ זיכערקייט דעם זמן פון דער מכה[34]!]

מוז מען זאָגן, אַז די כוונה אינעם זאָגן „כחצות הלילה״ איז ניט צו מודיע זיין דעם זמן קבוע פון דער מכה, נאָר דאָס איז אַן ענין מיוחד אין אופן ואיכות המכה: „כחצות הלילה״ ווייזט און איז מדגיש ומגלה אַז „אני יוצא״, דער אויבערשטער בעצמו איז יוצא און ברענגט די מכה (ע״ד ווי עס שטייט

---

27) וגבי צפרדע וערוב אמר משה לפרעה שסיום המכה יהי׳ „מחר״ (וארא ח, ו. ח, כה).

28) וארא ט, ה.

29) פרשתנו י, ד.

30) ועוד: שם י״ל שנאמר הזמן כדי לזרז את פרעה, שאין לו זמן לשהות בהחלטתו אם לשלוח את בנ״י, ואם אינו מוציאם עד למחר תבוא עליו המכה (ולהעיר מפרש״י וארא ז, כה). משא״כ כאן שלא נאמר באיזה לילה, כדלקמן בפנים.

31) וארא ט, יח.

32) ראה בארוכה — שיחת ש״פ וארא תש״מ. וראה גם אוה״ח וארא ט, ה (גם בנוגע לדבר).

33) וארא ט, כ.

34) וכמ״ש הרמב״ן כאן: ולא פירש עתה איזה לילה תהי׳ המכה הזאת. ומה שביאר, שעיקר הכוונה היא לומר לו שיקום הוא ועבדיו באמצע הלילה, לכאורה אי״ז ביאור מספיק על הדיוק „כחצות הלילה״, והי׳ די שיאמר „בלילה״ סתם, כמו: „ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה״ (פרשתנו יב, יב): „ויקם פרעה לילה״ (שם, ל).



פריער[35] „למען תדע כי אין כה׳ אלקינו״).

דאָס איז אָבער דורש ביאור: אין וואָס באַשטייט דער עילוי מיוחד אין דעם זמן „כחצות הלילה״ (אַרום חצות), אַז דאָס ברענגט אַרויס די הפלאה פון „אני יוצא״?

ואדרבה: נאָך דעם ווי פרעה האָט געזען ביי מכת ברד אַז זי איז געקומען אין דעם פינקטלעכן זמן, אין דער רגע וואָס דער אויבערשטער האָט פאָראויס געזאָגט: „כעת מחר . . כשתגיע חמה לכאן ירד הברד״[36] — וועט אדרבא — אָפּשוואַכן די „נאמנות״ פון משה׳ן זיין זאָגן אַז „אני יוצא״ וועט פאַרקומען „כחצות הלילה״ (לערך, סמוך לחצות)?!

ה. דעריבער איז רש״י מפרש, אַז „כחצות הלילה״ מיינט „כהחלק הלילה״, וואָס לויט דעם פירוש ווערט טאַקע אַרויסגעבראַכט די פינקטלעכקייט פון באַשטימטן זמן באופן הכי מדויק (נאָך מער ווי ביי „כעת מחר״[37]):

דער חילוק צווישן די צוויי אופנים ווי צו אויסדריקן דעם זמן פון „חצי הלילה״ — „חצות הלילה״ אָדער „כהחלק הלילה״ — איז:

„חצות הלילה״ רעדט וועגן זמן (מסוים); „כהחלק הלילה״ — ווען משך הלילה צעטיילט זיך אויף צווייען — איז מתאר (ניט זמן, נאָר) אַ פעולה. ובהוסׂפה אַז די דאָזיקע פעולה טוט זיך אויף ניט אין אַ המשך זמן, נאָר אין אַ נקודה פון „זמן״.

די נקודה וואָס צעטיילט די צוויי חצאי הלילה איז ניט קיין שהות (המשך) זמן וואָס מען קען עס מעסטן (אויב מען קען עס מעסטן — דאַרף זי אויך נתחלק ווערן — האַלב צו דעם ערשטן חצי הלילה, און די צווייטע האַלב — צו דעם צווייטען).

און דאָס איז דער אויפטו פון „כחצות הלילה אני יוצא גו׳״ — דער אויבערשטער וועט „אַרויסגיין״ פונקט אין דער נקודה פון „כהחלק לילה״[38] וואָרעם ער איז „יודע עתיו ורגעיו״.

ו. עס איז אָבער ניט מובן: פאַרוואָס זאָגט מען כחצות וואָס האָט צוויי טייטשן, ואדרבה: דער פשט דאָ דאַרף אָנקומען צו ראיות (און איינע איז ניט גענוג) און די ראיות זיינען ניט אינגאַנצן גלייך צו נדו״ד[39], וואָרעם ביידע ריידן וועגן אַ נקודת ההתחלה וואָס האָט דערנאָך געהאַט אַ המשך אַ משך זמן (אויס נקודה), משא״כ דאָ איז געבליבן אַ נקודה ממש כנ״ל — בשעת ער האָט געקאָנט זאָגן בפשטות ממש בחצות מיט אַ בית[40]! — דערפאַר מוז רש״י אָנקומען צו אַ צווייטן פירוש, כאָטש ער איז ניט גלאַטיק ע״ד הפשט (משא״כ — הדרש) אַז משה האָט אָנגעהויבן כה אמר הוי׳ (און איז גלייך משנה אַנשטאָט בחצות —) כחצות.

אָבער אויך לויט דעם פירוש פון רבותינו איז — „הקב״ה יודע עתיו ורגעיו (ובמילא מי איכא ספיקא כלפי שמיא) אמר בחצות״, און דאָס איז מדגיש דעם

---

35) וארא ח, ו — גבי קביעת זמן סיום מכת הצפרדעים.

36) ל׳ רש״י וארא ט, יח.

37) וי״ל, שגם מטעם זה מעתיק רש״י תיבת „הלילה״, להדגיש, שכאן לא הי׳ יכול לשרוט שריטה בכותל וכו׳ כבברד (שהרי אין חמה בלילה), ואעפ״כ הי׳ זמן המכה בדיוק ועוד יותר משם.

38) ראה גם מכילתא פרשתנו יב, כט (ובשאר מקומות שנסמנו בהערה 5). שו״ת הרדב״ז סי׳ תתי״ד.

39) ראה גם גו״א (כאן) ובאר הגולה שנסמנו בהערה 2.

40) שג״ז יש לפרשו פעולה ולא זמן — כי אין משנה בזה האם כתוב בכ״ף או בבי״ת.

„אני יוצא" — בארץ מצרים, אחר הרחיים וגו' [ווארום אויב ניט — איז ניטא קיין טעם צו זאגן דעם זמן פון „חצות לילה", כנ"ל ס"ד באורך].

„רבותינו" טוען אויף, אז ווען עס איז געקומען צום איבערגעבן דברי ה' אל פרעה, האט משה משנה געווען מצד דעם חשש „שמא יטעו כו'" (און זיכער איז דאס גופא געווען רצון ה'[41]).

ומהאי טעמא איז דאס בלויז אן ענין של „דרש", ווייל אין פשט המקרא שטייט ניט וועגן צווי באזונדערע אמירות [„הקב"ה . . אמר בחצות", און משה — „כחצות"], דאס איז בלויז אן ענין של „דרש".

ז. יתרה מזה: לכאורה איז דא א קשיא — וואס פרעגט אינגאנצן אף דעם ערשטן פירוש: וויבאלד אז „כהחלק הלילה" איז א נקודת זמן, וואס נאר דער אויבערשטער קען עס מכוון זיין, און א מענטש קען דאס ניט מבחין זיין — איז וואס וועט צוקומען דורך מודיע זיין פרעה'ן און זיינע חרטומים און כל מצרים וועגן דעם, בשעת אז ער און זיי אלע וועלן עס סיי ווי ניט קענען מכוון זיין — צי דאס האט געטראפן פונקט אין דער נקודה ווען דער לילה איז נחלק אדער ניט[42].

— דאס ווערט פארענפערט דורך רש"י'ס ברייננגען (אריכות) ל' המדרש (דערמאנען מענטשן וועגן וועמען מ'האט אינגאנצן ניט גערעדט —) — איצטגניני פרעה, ניט פרעה ועבדיו וכיו"ב. — ווי מפורש בכתוב אז משה האט גערעדט צו פרעה והחרטומים וועלכע זיינען געווען בא זייער רעדן כדי צו באווייזן בלהטיהם בשעת מעשה אז זיי קענען עס אויך טאן און אויך „כל עבדיך אלה"[43],

דאס אויבנדערמאנטע אז עס קומט ניט צו דורך זאגן נקודת הזמן ווייל מען קען ניט מכוון זיין את הרגע איז דאס בנוגע פרעה וכל מצרים, מיט איין אויסנאם: אצטגניני פרעה — חוזים במזלות וכוכבים וועלכע זעען בכלל דעם אמת[44] און פרעה האט זיך מיט זיי גערעכנט און געטאן לויט זייערע אנווייזונגען[45].

און בכלל האבן זיי מבחין געווען וויסן את הרגע פון פעולת השם[46], ס'איז נאר געווען דער חשש שמא יטעו.

ח. ויש לומר, אז מיט דעם לשון „אבל הקב"ה יודע עתיו ורגעיו אמר בחצות", מיינט רש"י צו מרמז זיין אויף זיינעם א פריערדיקן פירוש:

אויף „ויכל אלקים ביום השביעי"[47] ברענגט רש"י אראפ מאמר ר' שמעון „הקב"ה שיודע עתיו ורגעיו נכנס בו כחוט השערה".

דער פשט דערפון איז: א בשר ודם קען מדייק זיין — עכ"פ ביגיעה גדולה — אפילו אין א רגע; אבער אויך א רגע האט א שיעור — „אחד מחמשת כו' רגע כמימרי"[48], ארויסריידן דריי אותיות.

אבער א „חוט השערה", א האר, מיינט די קלענסטע נקודה פון זמן וואס איז

41) וי"ל שהי' גם דברי ה' וע"ד שמצינו בכו"כ ענינים שבכתוב מפורש רק דבר ה' למשה, או רק דבר משה לישראל — אף ששניהם היו. וראה פרש"י לפנ"ז — שמות ג, יד.

42) להעיר מתוס' ברכות שם ד"ה ואתא. וראה גם אבי עזר לראב"ע כאן.

43) פרשתנו יא, ח.

44) פרש"י לך טו, ה: אברם אין לו בן. וראה הערה הבאה.

45) פרש"י שמות א, טז. שם, כב.

46) ראה ברכות (ז, א) ויודע דעת עליון . . שהי' יודע לכוין אותה שעה שהקב"ה כו'.

47) בראשית ב, ב.

48) ברכות שם ובתוד"ה שאלמלי.



איבערהויפט ניט אין גדר פון א בשר ודם צו קענען זי אויסטיילן און תופס זיין — אפילו אצטגנינין ובלעם[49] וועלכע קענען מבחין זיין די רגע פון פעולת השם[50], נאר דוקא דער אויבערשטער וואס איז „יודע עתיו ורגעיו" קען דאס מבחין זיין.

און דאס דייטעט אן רש"י בפרשתנו מיטן זאגן „אבל הקב"ה יודע עתיו ורגעיו אמר בחצות":

מיט „בחצות" ווערט געמיינט ניט סתם די רגע פון חצות וואס אויך א בן אדם קען מכוון זיין (עכ"פ בטורח גדול, ובלשון הראב"ע[51]: „בטורח גדול בכלים גדולים של נחושת"), נאר דאס איז דער „חוט השערה" פון חצות[52], וואס דאס קען מכוון זיין נאר „הקב"ה (וואס ער איז) יודע עתיו ורגעיו".

(משיחות ש"פ בא וש"פ יתרו תש"מ)

49) ברכות שם.

50) דלא כדלעיל בנוגע לאצטגנינין. וי"ל דגם מכת בכורות הי' זעמו וכמה זעמו רגע (ברכות שם) ולא חוט השערה. ועוד י"ל שרק בלעם (דוגמא באומות — דמשה, שלא קם נביא בישראל כמשה אבל באומות קם ואיזה זה בלעם (ספרי ברכה לד, י)), משא"כ אצטגנינין שהן (בנוגע לדיוק בנקודה*) כסומא בארובה (ב"ב יב, ב), אבל כדוגמתו, ברוב הפעמים טועים, ולכן החשש משה כ"כ שמא יטעו עד כדי לשנות ל„כחצות". ואכ"מ.

*) ויש לקשר זה בהא דפחות מכשעורה אינו שולט עליו (רש"י וארא ח, יד. — משא"כ בסנה' (סז, ב) מיכניף ובפרש"י שם, שאינו שייך לכאן).

51) פרשתנו כאן.

52) וכלשון הפסיקתא רבתי (ויל"ש) שבהערה 5: הקב"ה יודע עתותיו כו' נכנס בו כחוט השערה. ובמכילתא (שם) „היודע שעותיו . . חלקו". וראה תנחומא (באבער) פרשתנו יז: שנחלק הלילה מאליו וחלק כחוט השערה.